**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט א נייע תקופה פון קונסט פאר באפעלא מיטן ווידער-עפענונג פון די וועלט-בארימטע באפעלא AKG קונסט מוזעאום נאכפאלגנדיג טראנספארמירנדע פארברייטערונג און ווידער-אויפבוי**

***איינע פון די שפיץ מאדערנע און היינטיגע קונסט מוזעאומס אין די וועלט האט פארענדיגט די מערסט באדייטנדע פארברייטערונג און אנטוויקלונג פראיעקט אין איר 160-יעריגע היסטאריע***

***באפעלא AKG קונסט מוזעאום נעמט אריין איבער 50,000 סקווער פוס פון עקסהיביט פלאץ, פינף קלאסצימערן, נייע רעסטוראנט און פובליק גרינע פלאץ, און קאמיוניטי צוזאמקום פלאץ***

***מוזעאום ווערט פארגעשאצט צו האבן אן עקאנאמישע איינפלוס פון $34 מיליאן יערליך פאר מערב ניו יארק און אויפנעמען 134 ארבעטער***

***זעט בילדער פון די פארברייטערונג פראיעקט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די באדייטנדע פארענדיגונג פון די באפעלא AKG קונסט מוזעאום, איינע פון די שפיץ מאדערנע און היינטיגע קונסט מוזעאומס אין די וועלט. די 195 מיליאן דאלערדיגע פארברייטערונג, צוריקשטעלונג און איבערבוי פראיעקט נעמט אריין די דראמאטישע נייע דריי שטאקיגע דזשעפרי אי. גאנלאק געביידע און די צוריקשטעלונג פון די צוויי אנדערע היסטארישע געביידעס אויף די קאמפוס וואס איר פריער געווען באקאנט אלס אלברייט-נאקס ארט גאלערי. AKG ווערט געשאצט צו הייבן באזוכער מיט איבער 30 פראצענט און צוציען אמווייניגסטנס 160,000 באזוכער פער יאר. עס ווערט געשאצט אז דער ראיאן קען האבן א באדייטנדע עקאנאמישע בענעפיט פון נאך 34 מיליאן דאלער פער יאר אלס רעזולטאט פון די העכערע טוריזם.

"די אטעם-פארכאפנדע באפעלא AKG קונסט מוזעאום איז איינע פון די וועלט'ס פיינסטע אינסטיטוציעס פאר מאדערנע און היינטיגע קונסט -- צייגנדיג די עקאנאמישע און קולטור ווידעראויפבלי וואס מערב ניו יארק האט געהאט אין די לעצטערע יארן, " **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באפעלא איז זייער מזל'דיג צו האבן א וועלט-בארימטע קונסט מוזעאום מיט א רעפוטאציע וואס איז געוואקסן צו נאך מער אנערקענונג אזוי ווי עס פארברייטערט איר קאמפוס און זאמלונג פון ווערק. די נייע געביידע און קאמפוס זענען א דראמאטישע קונסט ארבעט וואס וועט ציען באזוכער און שטיצן די טוריזם עקאמאניע אינעם ראיאן פאר צענדליגער יארן."

די פארברייטערטע קאמפוס, וואס געפינט זיך אויף 1285 Elmwood Avenue, פארמאגט די אויג-פארכאפנדע נייע דזשעפרי אי. גאדלאק געביידע וואס טראגט דעם נאמען נאכן פינאנצירער און באפעלא-געבוירענער וואס האט בייגעשטייערט 65 מיליאן דאלער צום פראיעקט. די דריי-שטאקיגע דורכזיכטיגע געביידע, דעזיין'ט דורך ארכיטעקט שאהיי שיגעמאצו, נעמט אריין א באזוכער סערוויסעס טישל, א

שווארצע שאכטל טעאטער, צוועלף גאלעריעס, א סקולפטור טערעס, קאווע שטיבל, אונטערערדישע פארקינג, און א ריזיגע אונטער-בעיסמענט וואס האלט פארגעשריטענע לופט באהאנדלערס.

די ראדיקאלע פארברייטערונג פונעם קאמפוס נעמט אויך אריין באדייטנדע איבערבוי פון די מוזעאומ'ס עקזיסטירנדע געביידעס און לאנדשאפט. אן אינערליכע קאמיוניטי צוזאמענקום פלאץ, מערערע קלאסצימערן און איבער א האלבע עיקער פון פובליק גרינע פלאץ איז צוגעלייגט געווארן און איז אריינגעברענגט געווארן אינערהאלב פרעדעריק לאו אלמסטעד'ס דעלעווער פארק, פארשענערנדיג די אויסערגעווענליכע ערפארונג פון קונסט און נאטור. די נייע דזשאן דזש. אלברייט גלאזערנע וואנט בריק וועט פארבינדן די גאנדלאק געביידע מיט די ווילמערס געביידע. די געבוי פון די געבויגענע בריק ערמעגליכט דעם מוזעאום צו אריבערפירן קונסטווערק פון איין ענדע פונעם קאמפוס צו די אנדערע. די סעימאור ה. נאקס געביידע פארמאגט א הויף וואס איז באדעקט מיט א נייע סקולפטור וואס הייסט *קאממאן סקיי*, א נייע רעסטוראנט, ריטעיל פלאץ, קלאסצימערן, און א 350-זיץ סטאדיום. עס קאסט גארנישט אריינצוגיין צום נאקס געביידע. מער אינפארמאציע איוף טיקעט פאליסיס קען מען טרעפן אויף [buffaloakg.org](https://buffaloakg.org).

די מוזעאום'ס זאמלונג פון קונסטווערק איז אויך געווארן פארברייטערט, כמעט דאפלט זייט עס האט זיך פארמאכט צוליב איבערבוי אין נאוועמבער פון 2019. איבער 500 קונסטווערק דורך 181 קונסטלער און זאמלונג ארטיקלען זענען איינגעהאנדלט געווארן. די קונסטלער וואס זענען ניי צוגעלייגט צום מוזעומ'ס זאמלונג זענען פון איבער 30 לענדער און נעמען אריין פירנדע פיגורן דורכאויס א ברייטע אויסוואל פון סארטן אריינרעכענענדיג פארבן, סקולפטור, פאטאגראפי, ווידעא, שוי-שפילן, אינסטאלעישאן, און דיגיטאלע טעכנאלאגיעס.יעדע פון זיי לייגט צו איינע פון די מערסט אנערקענטע זאמלונגען פון מאדערנע היינטיגע קונסט סיי וואו אין די וועלט.

די אויפבוי פון די באפעלע AKG ארט מוזעאום איז געשטיצט דורך די גרעסטע פובליק-פריוואטע קולטור קאמפיין אין די היסטאריע פון מערב ניו יארק. אין צוגאב צו מר. גאנדלאק'ס ברייטהארציגע ביישטייערונג, איז פראיעקט אויך געשטיצט דורך א געמיינזאמע פארפליכטונג פון $47 מיליאן אין פינאנצירונג פון ניו יארק סטעיט.

די פריערדיגע אלברייט-נאקס ארט גאלעריע איז געגרונדעט געווארן אין 1862, אלס דער באפעלא פיין ארטס אקאדעמיע, פארמאגנדיג א בארימטע זאמלונג פון מאדערנע און היינטיגע קונסט. די אלברייט-נאקס האט זיך שוין צוויי מאל פריער פארברייטערט, מיט די ערשטע אויפבוי פונעם מוזעאום אין 1905 און א נייע פליגל צוגעלייגט אין 1962. די באפעלא AKG קונסט מוזעאום, די דריטע פארברייטערונג, לייגט צו איבער 50,000 סקווער פוס פארן ארויסשטעלן ספעציעלע עקסהיבישאנס און די ניי פארברייטערטע וועלט בארימטע קונסט זאמלונג.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאָמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "אלס איינע פון די עלטסטע פובליק קונסט אינסטיטוציעס אין די פאראייניגטע שטאטן, טוט די היסטארישע באפעלא AKG נישט נאר פארשענערן די סטעיט'ס קולטור צושטעלונגען, נאר טוט אויך שטיצן די לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמיעס. ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונג אין די טראנספארמירנדע פארברייטערונג וועט שטיצן מערב ניו יארק טוריזם, פארמערן איינוואוינער'ס קוואליטעט פון לעבן, און שטארקן באפעלא'ס בליענדע קונסט און קולטור סצענע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס ד. לייווי האט געזאגט,** "די איבערגעמאכטע באפעלא AKG קונסט מוזעאום וועט באגריסן דאמעסטישע און אינטערנאציאנאלע באזוכער צו אנטפלעקן איינע פון די וועלט'ס מערסט איינדרוקספולע מאדערנע קונסט זאמלונגען, פארברייטערנדיג אויף א לעגעסי וואס עס האט שוין געבויט אין פארלויף פון איבער א יאר

הונדערט. I LOVE NY איז שטאלץ צו שטיצן די סטעיט'ס וועלט בארימטע קונסט און קולטור צוציאונג צענטערן אזוי ווי באפעלא AKG, וואס בארייכערן סיי וועלכע מערב ניו יארק וואקאציע, און שטעלן צו נאך א סיבה פארוואס עס איז לייכט פאר באזוכער און איינוואוינער צוגלייך צו ליבן ניו יארק."

**מארא מאנוס, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קונסט האט (New York State Council on the Arts) געזאגט,** "NYSCA איז צופרידן צו האבן אנטיילגענומען אין ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל שטיצע פאר די AKG'ס טראנספארמירנדע גאנצע-קאמפוס בוי פראיעקט, וואס וועט אינספירירן ניו יארקער און באזוכער פון ארום די וועלט בשעת'ן בארייכערן די לעבנס פון אלע וועלכע גייען דורך אירע טירן."

**פארטרעטער ברייען היגינס האט געזאגט,** "די לאנג ערווארטעטע ווידער עפענונג באצייכנט א נייע תקופה פאר די היסטארישע באפעלא AKG קונסט מוזעאום. באדייטנדע פארבעסערונגען און צוגאבעס צום קאמפוס, אזוי ווי די גרעיט לאון, טאון סקווער, און די דזשעפרי א. גאנדלאק געביידע, ברענגען די מוזעאום'ס געשיכטע פון די פארגאנגענהייט צום צוקונפט. נייע און איבערגעמאכטע פלעצער אינעווייניג און אינדרויסן וועלן ווידער פארבינדן באפעלא'ס געגנטער צום מוזעאום, בשעת'ן שאפן טוריזם וואס וועט בענעפיטירן אונזער עקאנאמיע פאר לאנגע יארן. מיר זענען שטאלץ צו זען די עכסט-ערווארטעטע חלום ווערן פארווירקליכט."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די באפעלא AKG קונסט מוזעאום איז א קולטור אינסטיטוציע, און די היינטיגע פארברייטערונג פארשטארקט די דינאמישע אנוועזנהייט דורכאויס אונזער ראיאן און סטעיט פאר צענדליגער יארן. די באדייטנדע איבערבוי איז נישט נאר א ווידער-פארפליכטונג צו אונזער קונסט קאמיוניטי און אונזער גרעסערע עקאנאמיע, עס איז אן אינוועסטירונג אין געלעגנהייט - אין עדיוקעישאן, אין ערפינדונג און אין די מענטשן וואס רופן די סיטי און סטעיט זייער היים. איך אפלאדיר דזשעפרי גאנדלאק'ס חלום פאר די צוקונפט, און איך שעץ טיף זיין מעגליכקייט צו ארבעטן אינאיינעם מיט אלע שטאפלען פון רעגירונג כדי צו שטארקן דעם צוקונפט פון די AKG."

**סטעיט סענאטאר שאן רייען האט געזאגט,** "די געוועזענע אלברייט-נאקס קונסט גאלעריע איז געווען די ווינקלשטיין פון באפעלא'ס קולטור לאנדשאפט פאר דורות לאנג, מיט א מאדערנע קונסט זאמלונג וואס האט גערופט אנערקענונג פון די גאנצע וועלט. איר טראנספארמירונג צו די אומגלויבליכע נייע באפעלא AKG קונסט מוזעאום סיגנאליזירט א דערפרייענדע נייע תקופה וואס וועט ערלויבן דעם מוזעאום צו צייגן מער פון איר אויסגעצייכנטע זאמלונג, מיט א מאדערנע קאמפוס וואס באגריסט באפעלא און מערב ניו יארק קאמיוניטי. דער פראיעקט איז געווען א שווערע אבער זיסע ארבעט פאר פיל מענטשן, און איך ווייס אז מיר פרייען זיך אלע צו זען די נייע AKG עפענען אירע טויערן."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פיפלס-סטאוקס האט געזאגט,** "די ווידער עפענונג פון די אלברייט נאקס גאנדלאק קונסט מוזעאום איז געווען די גרעסטע קולטור אונטערנעמונג אין WNY'ס היסטאריע. איך בין שטאלץ פון די ראלע וואס ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור האט געקענט שפילן צו די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט, און איך קען נישט ווארטן פארן פובליק און אלע אירע באזוכער צו קענען אנטפלעקן די פארברייטערטע זאמלונג אויף אויסשטעל און אלע איר נייע איינריכטונגען."

**אסעמבלימיטגליד דזשאן ד. ריווערא האט געזאגט,** "די עפענונג פון די AKG מוזעאום פון קונסט איז די לעצטע בייַשפיל פון באפעלא'ס אומרירבארע מעגליכקייט צו ארויסשטיין ווען עס קומט צו אונזער קונסט און קולטור אינסטיטוציעס. די נייע טורעם פון אלוועלטליך-אנערקענטע קונסטלער און ווערק - געשטיצט דורך די גרעסטע פובליק-פריוואטע קולטור קאמפיין אין די היסטאריע פון אונזער ראיאן ווי אויך א פארפליכטונג פון 47 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פון די ניו יארק סטעיט - וועט שטיין אלס אן עכטע

עדות צו די רעזולטאטן פון פריאריטיזירן די קונסט כדי צו באַרייכערן אונזערע קאמיוניטיס און זיי פאראייניגן דורך א געמיינזאמע חלום".

**אסעמבלימיטגליד קארען מקמאהאן האט געזאגט,** "די באפעלא AKG מוזעאום איז א וועלט בארימטע אינסטיטוציע און א באליבטע לאנדמארק אין מערב ניו יארק. די פארבעסערונגען און צוגאבעס וועלן פארשענערן די AKG און אירע פייערונג פון קונסט, אויפלעבן איר עקאנאמישע איינפלוס אין אונזער קאמיוניטי, און פעסט אוועקשטעלן אלס א צירונג פון באפעלא'ס רייכע ארכיטעקטורישע, קולטורישע, און קונסטליכע לעגאסי. איך שיק מיינע טיפסטע קאנגראטולאציעס צו אלע וואס זענען פארמישט אין די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט, מערקבאר מיין הויך שולע קלאס חבר דזשעפרי גאנדלאק פאר זיין אויסערגעווענליכע ברייטהארציגקייט, און קוק ארויס צו הנאה האבן פון די AKG פאר לאנגע יארן."

**אסעמבלימיטגליד וויליאם קאנראד האט געזאגט,** "פארענדיגונג פון די באפעלא AKG קונסט מוזעאום פארטרעט די ראיאן און סטעיט'ס וועלט בארימטע פארפליכטונג צו קונסט, ארכיטעקטור און די נאטורליכע שיינקייט פון אונזער אלמסטעד פארקס. און די ווירקונג וואס די באפעלא אוצר וועט האבן אויף טוריזם און אונזער עקאנאמיע איז אזוי דערפרייענד ווי דער איבערגעבויטער קאמפוס אליין. אט האבן מיר נאך א בייַשפיל פון די מעכטיגע קראפט פון פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעט און אינוועסטירונג, און איך גראטוליר אלע שותפים און אינטערעסירטע וואס האבן געמאכט די פארברייטערונג מעגליך."

**סיטי און באפעלא מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "די ווידער עפענונג פון איינע פון די מערסטע מאדערנע און היינטיגע קונסט מוזעאומס אין די וועלט ציט שוין יעצט ברייט פארשפרייטע לויב ווערטער. גלייך פונעם אנהויב, האט מיין אדמיניסטראציע און די באפעלא ארטס קאמישען געווארפן אונזער שטיצע אונטער די באפעלא AKG קונסט מוזעאום פארברייטערונג און ווידער אויפבוי פראיעקט.אלס א ריזיגער טוריזם צוציאונג, וועט דער מוזעאום וואקסן אלס א זיכערע עקאנאמישע פירער וואס שאפט מיליאנען דאלארן פאר אונזער קאמיוניטי, און דזשאבס פאר אונזערע מענטשן. איך דאנק גאווערנער קעטי האקול און די פילע אנדערע ברייטהארציגע שטיצער וואס האבן געהאלפן ברענגען דעם פראיעקט צו פארענדיגונג. אין די יארן וואס וועלן קומען, קוקן מיר ארויס צו באגריסן קונסט ליבהאבער פון ארום די וועלט צו באפעלא."

**ערי קאונטי עקזאקוטיוו מארק פאלאראנץ האט געזאגט,** "עס זענען פארהאן געציילטע מאל דורכאויס דאס לעבן וואס מיר קענען זיין פארמישט אין א לעגעסי פראיעקט וואס וועט גייסטיג באווירקן צוקונפטיגע דורות. דאס איז איינס פון זיי. א דאנק אייך גאווערנער קעטי האקול און די לאקאלע מיטגלידער פונעם סענאט און אסעמבלי וועלכע זענען געווען שטארקע שטיצער פאר דעם פראיעקט, ווי אויך מיינע קאלעגעס אין די קאונטי לעגיסלאטור. צוליב אייער געמיינזאמע אינוועסטירונג אינעם נייעם באפעלא AKG קונסט מוזעאום, זענען מיר א בעסערע קאמיוניטי."

מער אינפארמאציע איבער די באפעלא AKG קונסט מוזעאום קען מען טרעפן אויף [buffaloakg.org/about](https://buffaloakg.org/about).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן